NEW

# לקוטי שיחות

VAYEITZEI ויצא

VOLUME 1, P. 60-68

# LIKKUTEI SICHOS

INSIGHTS INTO THE WEEKLY PARSHA

BY THE LUBAVITCHER REBBE

SIE

Dedicated to

# Emmanuel (Mendel) Karp

*1905 - 1989*

son of Bernard (Berl) and Rose (Rezele)

Manny Karp was born in the United States, in 1905. His first language was Yiddish. Losing his mother to the Spanish Flu shaped his resilience and commitment to helping others, ultimately leading to a career as a guidance counselor in Philadelphia public schools. He also served many years as the director of Camp Akiba in the Poconos.

Karp's legacy is characterized by his optimism and unwavering dedication to learning and mentorship. Emmanuel Karp died in 1989.

# VAYEITZEI I | ויצא א

Adapted from a *sichah* delivered on *Shabbos Parshas Vayeitzei*, 5711 (1950)

## Introduction

We all seek to avoid unnecessary challenges. Hard work we can accept – even embrace – but confronting difficulty, opposition, and uncertainty? No one wants that. Yet, paradoxically, growth emerges precisely from such struggles. The obstacles we would rather circumvent become the forge in which character is shaped and strength is born.

This applies all the more so when building a Jewish home. Marriage marks the beginning of life's most demanding and rewarding undertaking. Here, the circumstances matter profoundly. One might assume that Divine providence would ease this path – surrounding young families with stability, spiritual support, and favorable conditions. Yet Yaakov's story teaches that this is not always so.

G-d destined Yaakov to establish his family not in the tranquility of *Eretz Yisrael*, but in Charan – a place identified by our Sages as "[G-d's] raging fury in the world."[1] There, far from spiritual centers, surrounded by deception and materialism, he built the House of Israel. The spiritual resources he marshaled to succeed in that hostile environment offer timeless guidance for every Jew in building his or her home, especially when confronted by circumstances that seem far from ideal.

1. See *Rashi* on the end of *Parshas Noach*.

# When Yaakov Goes Out to Build a Home

## Repetition Must Have a Reason

1. This week's Torah[1] reading begins, "And Yaakov departed from Be'er Sheva and journeyed to Charan." This – as *Rashi* says – recapitulates the conclusion of last week's Torah portion.

Now, everything in the Torah is precise. We derive entire bodies of law even from a single extra letter. How much more so does this apply when an entire subject is repeated several times. This certainly contains a teaching relevant for all generations, at all times – including our own – and in every place, because the Torah is eternal.

א. הַיְינְטִיקֶע סֶדְרָה הוֹיבְּט זִיךְ אָן: וַיֵּצֵא יַעֲקֹב מִבְּאֵר שָׁבַע וַיֵּלֶךְ חָרָנָה. דָאס אִיז - וִוי רַשִׁ"י זָאגְט - אַן אִיבֶּערְדֶערְצֵיילוּנְג פוּן דֶעם סִיּוּם פוּן פָאְרִיקֶער סֶדְרָה.

אִין תּוֹרָה אִיז אַלְץ דַיְיטְלֶעךְ, אֲפִילוּ פוּן אֵיין אִיבֶּעְרִיקְן אוֹת לֶערְנְט מֶען אָפּ גַאנְצֶע הֲלָכוֹת, הַיְינְט מִכָּל שֶׁכֵּן אַ גַאנְצֶער עִנְיָן וָואס עֶס חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער עֶטְלֶעכֶע מָאל, אִיז דָאךְ דָאס גֶעוִויס אַן הוֹרָאָה לְדוֹרוֹת, פַאר יֶעדֶער צַיְיט אוּן אִין יֶעדֶער אָרְט אוּן אוֹיךְ פַאר הַיְינְטִיקֶער צַיְיט, וַוְיְיל דִי תּוֹרָה אִיז אַן אֵייבִּיקֶע.

## Taking the More Difficult Road

2. The Torah gives two explanations for the name Be'er Sheva (**באר שבע**):[2] a) it recalls the oath (*shevuah,* **שבועה**) made at the time of the covenant between Avraham and Avimelech; b) it recalls the seventh (*sheva,* שבע) well that Yitzchak's servants dug after peace had been made with Avimelech. Both reasons point to the Jews' experience of a state of tranquility.

By contrast, "and journeyed to Charan" indicates the polar opposite of tranquility. As our Sages state,[3] Charan is identified with "[G-d's] raging fury in the world."

ב. אוֹיף דֶעם נָאמֶען בְּאֵר שֶׁבַע זָאגְט דִי תּוֹרָה[א] צְוֵויי טַעֲמִים: א) צוּלִיבּ דֶער שְׁבוּעָה וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּיי דֶעם כְּרִיתוּת בְּרִית, וָואס אֲבִימֶלֶךְ הָאט גֶעמַאכְט מִיט אַבְרָהָם'ן. ב) צוּלִיבּ דֶעם זִיבֶּעטְן בְּרוּנֶעם וָואס מְ'הָאט גֶעגְרָאבְּן נָאכְן שָׁלוֹם מִיט אֲבִימֶלֶךְ'ן. בֵּיידֶע טַעֲמִים וַוְייזְן אוֹיף אַ צוּשְׁטַאנְד פוּן רוּאִיקַייט בַּיי אִידְן. וַיֵּלֶךְ חָרָנָה, דֶער עִנְיָן פוּן חָרָן אִיז לְהֵיפֶךְ, וִוי רַזַ"ל זָאגְן[ב] חֲרוֹן אַף שֶׁל עוֹלָם, (דֶער צָארְן פוּן וֶועלְט).

---

1. *Bereishis* 28:10.

2. See *Bereishis* 21:31. Ibid. 26:33, and the commentary of Sforno there (cited in *Or HaTorah* on the beginning of our *parshah,* p. 172a).

3. See *Rashi* on the end of *Parshas Noach* (explained in *Likkutei Sichos,* Vol. 15, p. 63ff.). *Rashi* is building on the connection between the name (*Charan*, חרן) and the words *charon af* (חרון אף). "raging fury."

A question arises: G-d gave us the Torah and *mitzvos* with a full and generous hand. Wherever we turn, there is either a positive commandment with its offshoots to fulfill, or one of the 365 negative commandments with their offshoots that we must guard ourselves from violating. Since these responsibilities are so inclusive, seemingly, He at least should have spared us all kinds of worries – the worries of *galus* (exile), earning a livelihood, and the like – so that we would find it easier to observe the *mitzvos*. Moreover, would it not have been better if we did not have to deal with worldly matters at all, but instead could be more immersed in the tent of Torah?

In response to this question the Torah describes Yaakov's mode of conduct – in other words, the mode of conduct of Jewish people as they are set apart from others, existing in a state of purity, unpolluted by other influences. This state was the achievement of Yaakov. Unlike Avraham, from whom Yishmael emerged, and Yitzchak, from whom Esav emerged, Yaakov's "bed was perfect,"[4] all his sons were righteous.

But before Yaakov could marry and build the House of Israel, he was told to leave Be'er Sheva, to depart even from the *yeshivos* of Shem and Ever and go to Charan – "[G-d's] raging fury in the world."

Before the time came to build the Jewish nation, surely, he could and should have stayed in Be'er Sheva, where Divine revelation was palpably manifest, where it was easy to observe *mitzvos* and difficult to sin. However, to build the House of Israel, he had to leave Be'er Sheva and go to Charan, a place where Divinity was obscured.

4. See *Shabbos* 146a, which uses slightly different wording, and also *Sifri, Devarim* 32:9. See also *Vayikra Rabbah* 36:5.

מְ'פְרֶעגְט אַ קַשְׁיָא: דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת פוּן זַיְין פוּלֶער אוּן בְּרֵייטֶער הַאנְט, - וואוּ מְ'גִיט זִיךְ נָאר אַ קֶער, אִיז שׁוֹין פַארַאן אָדֶער אַ מִצְוַת עֲשֵׂה וַעֲנָפֶיהָ, אָדֶער מְ'דַארְף זִיךְ אָפְּהִיטְן פוּן אֵיינֶע פוּן דִי שְׁסָ"ה מִצְוֹת לֹא־תַעֲשֶׂה וַעֲנָפֶיהָ - הָאט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט לְכָל הַפָּחוֹת אַרָאפְּנֶעמֶען דִי דַאֲגוֹת פוּן אוּנְז, דַאֲגַת הַגָּלוּת, דַאֲגַת הַפַּרְנָסָה וכו', כְּדֵי עֶס זָאל זַיְין לַייכְטֶער דֶער קִיּוּם הַמִּצְווֹת? נָאךְ מֶערֶער, מֶען זָאל בִּכְלַל נִיט הָאבְּן צוּ טָאן מִיט עִנְיָנֵי הָעוֹלָם, אוּן זַיְין מֶערֶער בְּאָהֳלָהּ שֶׁל תּוֹרָה.

אוֹיף דֶערוֹיף דֶערְצֵיילְט דִי תּוֹרָה דֶעם סֵדֶר פוּן יַעֲקֹב'ן, דָאס הֵייסְט דֶעם סֵדֶר פוּן יִשְׂרָאֵל בְּטַהֲרָתָם, ווִי זֵיי זַיְינֶען שׁוֹין אָפְּגֶעטֵיילְט, לֹא כְּאַבְרָהָם שֶׁיָּצָא מִמֶּנּוּ יִשְׁמָעֵאל וְלֹא כְּיִצְחָק שֶׁיָּצָא מִמֶּנּוּ עֵשָׂו, נָאר כְּיַעֲקֹב וואָס מִטָּתוֹ שְׁלֵימָה[ג].

אֵיידֶער יַעֲקֹב הָאט גֶעדַארְפְט חֲתוּנָּה הָאבְּן - בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית יִשְׂרָאֵל, הָאט מֶען אִים גֶעהֵייסְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן בְּאֵר שֶׁבַע, אַוֶועקְגֵיין אוֹיךְ פוּן דִי יְשִׁיבוֹת פוּן שֵׁם וְעֵבֶר, אוּן גֵיין קֵיין חָרָן, חֲרוֹן אַף שֶׁל עוֹלָם.

אֵיידֶער עֶר הָאט גֶעדַארְפְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן דֶעם עַם יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גֶעקָאנְט, אוּן גֶעדַארְפְט, זַיְין אִין בְּאֵר שֶׁבַע, אַן אָרְט פוּן גִילוּי אֱלֹקוּת בְּמוּחָשׁ, וואוּ מִצְווֹת קוּמֶען אָן גְרִינְג אוּן עֲבֵירוֹת קוּמֶען אָן שְׁוֶוער, אָבֶּער בִּכְדֵי אוֹיפְצוּבּוֹיעֶן דֶעם בֵּית יִשְׂרָאֵל, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְגֵיין פוּן בְּאֵר שֶׁבַע, אוּן קוּמֶען קֵיין חָרָן, אַן אָרְט פוּן הֶעְלֵם וְהֶסְתֵּר (וואָס אֱלֹקוּת אִיז פַארְבָּארְגְן אוּן בַּאהַאלְטְן),

By its very nature, the world conceals Divinity. Indeed, **the very word עוֹלָם** (*olam,* "world") **stems from the word הֶעְלֵם** (*he'elem,* "concealment").[5] **How much more so is this true** of a place that is singled out as "[G-d's] **raging fury in the world."**

**In such a place, it is very easy to** stumble and **sin and especially difficult to** observe *mitzvos.* Yet, **by withstanding these trials, Yaakov built the House of Israel – "his bed was perfect."**

Yaakov's conduct provides **a lesson for every Jew: Specifically, through facing trials – overcoming and withstanding them – he builds a Jewish home, a home of light and warmth.**

- אוֹיךְ עוֹלָם (וועלְט) אַלֵיין, אִיז כִּשְׁמוֹ - לְשׁוֹן הֶעְלֵם[ז], וּמִכָּל שֶׁכֵּן חֲרוֹן אַף שֶׁל עוֹלָם -

וואָס דאָרְט אִיז עֲבֵירוֹת קוּמֶען אָן זֵייעֶר גְרִינְג אוּן מִצְווֹת זֵייעֶר שְׁווֶער. אוּן דוּרְךְ דֶעם וואָס עֶר אִיז בַּיְיגֶעשְׁטַאנֶען דִי נִסְיוֹנוֹת, הָאט עֶר בּוֹנֶה גֶעווֶען בֵּית יִשְׂרָאֵל - מִטָּתוֹ שְׁלֵימָה.

דָאס אִיז אוֹיךְ אַן הוֹרָאָה צוּ יֶעדֶער אִידְן: דַוְקָא דוּרְךְ דֶעם וואָס עֶר הָאט נִסְיוֹנוֹת אוּן אִיז זִיךְ מִתְגַּבֵּר אוֹיף זֵיי אוּן שְׁטֵייט זֵיי בַּיי - בּוֹיט עֶר אוֹיף אַ אִידִישֶׁע הוֹיז, אַ לִיכְטִיקֶע הוֹיז אוּן אַ וואַרֶעמֶע הוֹיז.

## Defining What Comes First

**3. The manner in** which one **should** begin to set up his own home can be understood from **the Torah reading** which describes the steps **Yaakov** followed on his **journey to Charan: The first thing he did was "he encountered the place,"**[6] interpreted by our Sages[7] to mean, **"he stood to pray."**

**Seemingly, since he was going to Charan to find his match,** one would expect him to **first learn its language and customs, to dress according to its fashions, and the like.** Instead, **Yaakov ignored all these matters. With what did he occupy himself? With the service of prayer.**

**As stated earlier, the story of Yaakov – like all the stories in the Torah – is a directive for all generations. When** a young man **goes to build a Jewish home, he might think: Until now** it was expected of him to be **occupied in the study of Torah,**

ג. דֶער סֵדֶר אִין דֶעם דַארְף זַיְין - ווִי דֶערְצֵיילְט ווַיְיטֶער אִין סֶדְרָה.

בְּשַׁעַת יַעֲקֹב אִיז אַוֶעק אִין חָרָן, אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וואָס עֶר הָאט גֶעטָאן, - וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם, גֶעשְׁטֶעלְט זִיךְ דַאוונֶען[ח]. לִכְאוֹרָה, אַז עֶר גֵייט קֵיין חָרָן גֶעפִינֶען זַיְין זִיווּג, הָאט עֶר דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ גֶעדַארְפְט אוֹיסְלֶערְנֶען זִיךְ דִי שְׁפְּרַאךְ אוּן מִנְהָגִים פוּן דֶער מְדִינָה, אָנְטָאן זִיךְ אִין דִי קְלֵיידֶער פוּן דֶער מְדִינָה וכו' וכו'. יַעֲקֹב הָאט אָבֶער אָפְּגֶעלֵייגְט דִי אַלֶע זַאכְן, אוּן אִין וואָס הָאט עֶר זִיךְ עוֹסֵק גֶעווֶען - אִין עֲבוֹדַת הַתְּפִלָּה.

ווִי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר, אִיז דֶער סִיפּוּר מִיט יַעֲקֹב'ן - אַזוֹי ווִי אַלֶע סִיפּוּרִים פוּן תּוֹרָה - אַן אָנְווַיְיזוּנְג אוֹיף אַלֶע דוֹרוֹת.

ווֶען אֵיינֶער גֵייט בּוֹיעֶן אַ בַּיִת בְּיִשְׂרָאֵל, קֶען עֶר דָאךְ טְרַאכְטְן: מֵילָא בִּיז אִיצְטֶער אִיז עֶר גֶעזֶעסְן אוּן גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה אוּן

5. *Sefer HaMaamarim 5700,* **p. 160.**

6. *Bereishis* 28:11.

7. *Rashi* on this verse, based on ***Berachos*** **26b and** ***Bereishis Rabbah*** **68:9.**

prayer, and *mitzvos*. **However, now that he's going out into the world,** it would appear that **he must set all these aside and devote his efforts to learning and copying the** local **customs of the land, striving to follow** the example of **those** around him**, and so on.** Instead, we **tell him: No.** Think differently. **To what should he devote himself? To "encounter[ing] the place,"** to prayer.

**On the contrary, specifically now, more than ever, he should embrace prayer. His entire previous Divine service of Torah,** ***mitzvos,*** **and prayer will not suffice for his present situation.** Now, **when he is about to go out into the world,** he will have to withstand **immeasurably greater trials than before.** In this situation, **he must ask G-d** for the strength **to withstand these** new **challenges he will face.**

עוֹסֵק גֶעווֶען אִין תְּפִלָּה וּמִצְוֹת, אָבֶּער אִיצְטֶער אַז עֶר גֵייט אַרוֹיס אִין וועֶלְט, דַארף עֶר דָאס אַלְץ אָפְּלֵייגְן אוּן אָפְּגֶעבְּן זִיךְ אוֹיף אוֹיסְלֶערְנֶען אוּן נָאכְצוּטָאן דִי מִנְהָגֵי הַמְּדִינָה, נָאכְלוֹיפְן דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן דֶער מְדִינָה אוּן אַזוֹי וַוייטֶער - אוֹיף דֶעם זָאגְט מֶען אִים: נֵיין. אוֹיף וָואס דַארף עֶר זִיךְ אַוועֶקְגֶעבְּן - אוֹיף דֶעם "וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם".

אַדְּרַבָּה, עֶרְשְׁט אִיצְטֶער דַארף עֶר זִיךְ נֶעמֶען צוּם וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם, נָאךְ מֶערֶער ווִי פְרִיעֶר. וָוארוּם זַיין גַאנְצֶע פְרִיעֶרְדִיקֶע עֲבוֹדָה, וָואס עֶר הָאט זִיךְ עוֹסֵק גֶעווֶען אִין תּוֹרָה, מִצְוֹת אוּן תְּפִלָּה, אִיז נִיט גֶענוּג פַאר זַיין אִיצְטִיקְן מַצָּב, וָואס עֶר גֵייט אַרוֹיס אִין וועֶלְט - אִין נִסְיוֹנוֹת וועֶלְכֶע זַיינֶען נִיט בְּעֶרֶךְ גְרֶעסֶער פוּן דִי פְרִיעֶרְדִיקֶע, אוּן עֶר דַארף בֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, עֶר זָאל זַיין אַן עוֹמֵד בְּנִסָּיוֹן.

## With What to Work

**4. During Yaakov's journey to Charan, the Torah**[6] **tells us** that **he** lay down to sleep and **"took from the stones of the place and placed them at his head."** ***Rashi*** **explains, "He made them like a gutter around his head out of fear of wild beasts." Yaakov knew where he was going and that even on the way – before arriving at Charan – there were wild beasts. Therefore, he took stones and surrounded his head to protect himself from them.**

**At first glance,** a question arises: **Why did Yaakov surround only his head with stones, and not his other limbs as well?** The logic seems contradictory: **If he trusted in G-d and relied on Him** for protection, why did **he even need to surround his head? And if he did not want to rely on** Divine intervention **above nature, shouldn't he have protected his body and feet as well?**

ד. בְּשַׁעַת יַעֲקֹב אִיז גֶעווֶען אוֹיפְן וועֶג קַיין חָרָן, דֶערְצֵיילְט אוּנְז וַוייטֶער דִי תּוֹרָה: וַיִּקַּח מֵאַבְנֵי הַמָּקוֹם וַיָּשֶׂם מְרַאֲשֹׁתָיו, טַייטְשְׁט רַשִׁ"י: עֲשָׂאָן כְּמִין מַרְזֵב סָבִיב לְרֹאשׁוֹ שֶׁיָּרֵא מִפְּנֵי חַיּוֹת רָעוֹת. יַעֲקֹב הָאט גֶעוואוּסְט וואוּהִין עֶר גֵייט, אוּן אַז אֲפִילוּ אוֹיפְן וועֶג - נָאךְ נִיט דֶערְגֵייעֶנְדִיק צוּ חָרָן - גֶעפִינֶען זִיךְ חַיּוֹת רָעוֹת. דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶענוּמֶען שְׁטֵיינֶער אוּן אַרוּמְגֶערִינְגְלְט דִי קָאפּ, כְּדֵי צוּ פַארְהִיטְן זִיךְ פוּן דִי חַיּוֹת רָעוֹת.

אִין פְּלוּג אִיז נִיט פַארְשְׁטַאנְדִיק וָואס יַעֲקֹב הָאט אַרוּמְגֶערִינְגְלְט מִיט דִי שְׁטֵיינֶער נָאר דִי קָאפּ אַלֵיין, אוּן נִיט אוֹיךְ דִי אִיבֶּערִיקֶע אֵבָרִים? מִמָּה נַפְשָׁךְ, הָאט עֶר גֶעהַאט בִּטָּחוֹן, אוּן פַארְלָאזְן זִיךְ אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶר אוֹיךְ דִי קָאפּ נִיט גֶעדַארְפְט אַרוּמְרִינְגְלֶען? אוּן אוֹיבּ עֶר הָאט נִיט גֶעווָאלְט אָנְקוּמֶען צוּ עִנְיָנִים פוּן לְמַעְלָה מֵהַטֶּבַע, הָאט עֶר דָאךְ גֶעדַארְפְט פַארְהִיטְן אוֹיךְ דֶעם גוּף מִיט דִי פִיס?

**The matter can be understood based on** the well-known explanation[8] of **the verse,[9] "When you partake of the toil of your hands, you will be happy and it will be good for you." The emphasis is specifically on "the toil of *your hands*."**

A person's **endeavors to earn a livelihood can take two forms:**

**a) The toil of your hands – the head remains free and is engaged in Torah and Divine service;** only the person's **hands work for his livelihood.**

**b) The toil of your head** – the person **is** completely **absorbed** in earning his livelihood, **even with his mind.**

Thus, **the meaning** of the verse **is: When "you partake of the toil of your hands" but your head remains engaged in Torah and Divine service, then "you will be happy and it will be good for you."** This is true **not only in a spiritual sense but regarding material matters as well.** All **the various tactics and clever schemes** that a person will devise **will not help at all, as the verse states, "bread is not [given] to the wise."[10] On the contrary,** such ploys **cause damage, as explained in many places.[11]**

On this basis, we can clarify why Yaakov placed the stones as he did: **When Yaakov went to Charan, he knew quite well where he was going. He knew he would have to work for Lavan the Aramean. He also knew that even on the way there would be wild beasts and the like. Therefore, he took stones and surrounded his head so that nothing would approach it. His head would remain protected while facing the difficulties of the journey and while working for Lavan.** Figuratively speaking, **this means that** while **preparing to earn his livelihood and even** while earning it, **he would toil only with his hands.**

וועט מען עס פארשטיין לויט דעם וואס שטייט׳ יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך. איז דער דיוק אין דעם יגיע כפיך (די הארעוואניע פון דיינע הענט) דוקא. התעסקות (באשעפטיקונג) אין פרנסה קען זיין אויף צוויי אופנים: א) יגיע כפיך. די קאפ איז פריי און ליגט אין תורה ועבודה, און ער הארעוועט אין פרנסה נאר מיט די הענט. ב) יגיע ראשך. ער איז איבערגעגעבן צו פרנסה אויך מיטן קאפ.

און דאס מיינט - יגיע כפיך כי תאכל (אבער די קאפ ליגט אין תורה ועבודה) - איז אשריך וטוב לך, ניט נאר אין רוחניות נאר אויך אין גשמיות, ווייל די פילערליי התחכמות (קליגען זיך) און תחבולות העלפן גאר ניט, ווי עס שטייט ולא לחכמים לחם, ואדרבה, זיי מאכן נאך קאליע, ווי עס ווערט דערקלערט אין פילע ערטער׳.

בשעת יעקב איז געגאנגען קיין חרן, האט ער גוט געוואוסט וואוהין ער גייט, ער האט געוואוסט אז ער וועט דארפן ארבעטן ביי לבן הארמי, ער האט אויך געוואוסט אז אפילו אויפן וועג זיינען שוין פאראן חיות רעות וכו׳. דערפאר האט ער גענומען שטיינער און ארומגערינגלט די קאפ, אז צום קאפ זאל קיינער ניט צוטרעטן. די קאפ זאל זיין באשיצט, און אין טרדות הדרך אדער די ארבעט ביי לבן׳ען - דאס הייסט די הכנות לפרנסה און פרנסה - וועט ער הארעווען נאר מיט די הענט.

8. *Likkutei Torah, Bamidbar,* p. 66c, *Devarim,* p. 78d.

**9. *Tehillim* 128:2**

10. *Koheles* 9:11.

**11. See the introduction to *Derech Chayim,*** which states, **"Clever [strategies will cause] loss."** See also **the *Tzemach Tzedek's Derech Mitzvosecha, mitzvas tiglachas metzora, et al.***

**This is also the directive for every person:** Everyone **must ensure that his head remains protected. When** a person's **head is focused as it should be, then as a matter of course, his hands and feet will also be as they should be.** His **business endeavors will be conducted according to the** *Shulchan Aruch*. His **hands will function** as prescribed by our Sages,[12] **only the left** – i.e., the weaker – **hand will push away, while the right hand will draw close. And his feet will "run to** [perform] **a** ***mitzvah.***"[13]

און דָאס אִיז אוֹיךְ דִי הוֹרָאָה צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם, אַז עֶר דַארְף זֶען, אַז דִי קָאפּ זָאל זַיְין בַּאשִׁיצְט, אוּן אַז דִי קָאפּ וֶועט זַיְין ווִי עֶס דַארְף זַיְין, וֶועלְן שׁוֹין בְּמֵילָא אוֹיךְ דִי הֶענְט מִיט דִי פִּיס זַיְין ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיְין. עֵסֶק הַפַּרְנָסָה וֶועט זַיְין עַל פִּי שֻׁלְחָן עָרוּךְ, דִי הֶענְט וֶועלְן זַיְין בְּאוֹפֶן אַז נָאר שְׂמֹאל אִיז דּוֹחָה, אָבֶער יְמִין אִיז מְקָרֶבֶת, אוּן דִי רַגְלַיִם וֶועלְן זַיְין רָצוֹת לִדְבַר מִצְוָה.

## What Stones Teach Us

**5. With what did Yaakov surround himself?** In other words, what did he use to enclose himself **and fence himself off from the world so that it would not affect him? Stones, specifically.** He did **not use his mind, nor his feelings, but rather stones, something inanimate that has no vitality, not even a vegetative soul.**[14] **Yaakov connected himself to such an entity.**

ה. מִיט וָואס הָאט זִיךְ יַעֲקֹב אַרוּמְגֶערִינְגְלְט אוּן אָפְּגֶעצוֹימְט פוּן ווֶעלְט אַז דִי ווֶעלְט זָאל אוֹיף אִים נִיט פּוֹעֶל'ן, - מִיט אֲבָנִים דַוְקָא. נִיט מִיט קֵיין שֵׂכֶל, נִיט מִיט קֵיין הֶרְגֵּשׁ, נָאר מִיט אֲבָנִים - סוּג הַדּוֹמֵם, וָואס הָאט אִין זִיךְ נִיט קֵיין חַיּוּת, אוּן אֲפִילוּ נִיט קֵיין נֶפֶשׁ הַצּוֹמַחַת, מִיט דֶעם הָאט זִיךְ יַעֲקֹב פַארְבּוּנְדְן.

**The directive from this is: When one goes out** from a protected environment and enters **the world at large, but does not want it to affect him, he must first connect himself with** the spiritual counterpart of **stones –** ***kabbalas ol*** **– the complete acceptance of the yoke of Heaven.**[15] **Neither understanding or emotion are sufficient for this. Instead,** the person **must see himself as an inanimate stone,** as in the words of the verse,[16] **"I have stilled and quieted myself," and** as we say in our prayers,[17] **"May my soul be like dust to all."**

דִי הוֹרָאָה פוּן דֶעם אִיז:

אַז מְ'גֵייט אַרוֹיס אִין ווֶעלְט, אוּן מְ'ווִיל אַז זִי זָאל נִיט פּוֹעֶל'ן, דַארְף מֶען זִיךְ צוּעֶרְשְׁט פַארְבִּינְדְן מִיט קַבָּלַת עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם שְׁלֵימָה[טו], אֲבָנִים. שֵׂכֶל אוּן הֶרְגֵּשׁ זַיְינֶען ווֵיינִיק צוּ דֶעם. נָאר עֶר דַארְף זִיךְ פִילְן ווִי אַן אֶבֶן דּוֹמֵם, אִם לֹא שִׁוִּיתִי וְדוֹמַמְתִּי[טז], וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה[יז].

**An inanimate object** does not possess the power of movement. **On its own,** it **cannot move from**

אַ דּוֹמֵם קֶען זִיךְ נִיט רִירְן אַלֵיין פוּן אָרְט, בִּיז וָואנֶען אִימִיצֶער וֶועט אִים נֶעמֶען אוּן אִיבֶּערְטְרָאגְן פוּן אֵיין

---

12. *Sotah* 47a, *et al.*

13. Cf. *Avos* 4:2.

14. I.e., even objects from the plant kingdom have a soul of a sort, albeit a far different type of soul than animals or human.

15. See **Berachos 14b; the Alter Rebbe's** ***Shulchan Aruch,*** *mahadura kama* **2:8,** which emphasizes a similar point.

16. ***Tehillim*** **131:2. See the interpretation of Ibn Ezra** who emphasizes the connection between *domamti,* "quieted myself," and *domeim,* "inanimate matter."

17. The conclusion of the *Shemoneh Esrei,* as prescribed by **Berachos 17a.**

**place to place until someone takes it and carries it. Similarly,** a person **must** see himself as **an inanimate object – a simple servant**[18] who is dependent solely on his master. Where he goes is determined by **G-d** who **carries him from one place to another. He allows himself to be carried so that he fulfills the intent and the mission with which G-d has charged him.**

אָרְט צוּם צְווֵייטְן, אַזוֹי דַארְף עֶר זִיךְ פִילְן ווִי אַ דוֹמֵם - אַן עֶבֶד פָּשׁוּט - ווָאס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער טְרָאגְט אִים פוּן אֵיין אָרְט צוּם צְווֵייטְן אוּן עֶר דַארְף זִיךְ לָאזְן טְרָאגְן, כְּדֵי אוֹיסְצוּפִירְן דִי כַּוָּנָה אוּן דִי שְׁלִיחוּת ווָאס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיף אִים אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט.

## Even Forks and Spoons

**6. The reward for such** a mode of conduct **is,** as stated **at the end of the passage,** in Yaakov's vow,[19] **"This stone which I have set up as a pillar shall be a House of G-d."** Yaakov's reward is **not silver or gold, but simple stones – moreover, not stones from a city, or from an inhabited dwelling, but stones that he found in the middle of the road. These become a House of G-d.**

This is achieved by **surrounding himself with stones** – *kabbalas ol* – **and through connecting himself to G-d with a vow. A vow** connotes a commitment that **compels** a person to fulfill it **even though otherwise, his will, understanding, and feeling would not motivate him to do so. Through this,** Yaakov **reached the ultimate ascent – that even the most ordinary objects in his possession became a House of G-d.**

**This is also a directive and a lesson for everyone, and particularly a bride and groom who** are setting out to **build a Jewish home. Not only are the** *siddur* **and the** *Chumash* **in the house holy, but also the fork and spoon** – i.e., **even the physical elements of the home – must be holy.**

**How** is this accomplished? **Through "encounter[ing] the place"** – devoting oneself to prayer – **at the** very **outset.** As a result, **not only when**

ו. דֶער שְׂכַר פוּן דֶעם אִיז, ווִי בַּיְים עֶנְדֶע פוּן פַּרְשָׁה - וְהָאֶבֶן הַזֹּאת אֲשֶׁר שַׂמְתִּי מַצֵּבָה יִהְיֶה בֵּית אֱלֹקִים. נִיט זִילְבֶּער אוּן נִיט גָאלְד, נָאר פָּשׁוּט'עֶ שְׁטֵיינֶער, נָאךְ מֶערֶער, נִיט קֵיין שְׁטֵיינֶער פוּן שְׁטָאט, פוּן אַ בַּאזֶעצְטֶער הוֹיז, נָאר שְׁטֵיינֶער ווָאס יַעֲקֹב הָאט זֵיי גֶעפוּנֶען אִין מִיטְן ווֶעג, זַיְינֶען גֶעווָארְן אַ בֵּית אֱלֹקִים. דוּרְךְ ווָאס? - דוּרְךְ דֶעם ווָאס עֶר הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶערִינְגֶלְט מִיט שְׁטֵיינֶער, אוּן דוּרְךְ דֶעם ווָאס עֶר הָאט זִיךְ פַארְבּוּנְדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ נֶדֶר - ווָאס דֶער עִנְיָן פוּן נֶדֶר אִיז: אַז כָאטשׁ מִצַּד זַיְין ווִילְן, פַארְשְׁטַאנְד אוּן גֶעפִיל, ווָאלְט עֶר דָאס נִיט גֶעטָאן, אָבֶּער דֶער נֶדֶר צְווִינְגְט אִים - אִיז דוּרְךְ דֶעם אִיז עֶר צוּגֶעקוּמֶען צוּם תַּכְלִית הָעֲלִיָּה, אַז אוֹיךְ דִי גֶעווֵיינְלֶעכְסְטֶע זַאכְן ווָאס בַּיי אִים, זַיְינֶען גֶעווָארְן אַ בֵּית אֱלֹקִים.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ אַן הוֹרָאָה אוּן אַ מוּסַר הַשְׂכֵּל פַאר אַלֶעמֶען, וּבִפְרַט צוּ דִי ווָאס גֵייעֶן בּוֹיעֶן אַ בַּיִת בְּיִשְׂרָאֵל, חָתָן וְכַלָּה, אַז נִיט נָאר דֶער סִידּוּר אוּן דֶער חוּמָשׁ ווָאס גֶעפִינְט זִיךְ אִין שְׁטוּבּ אִיז הֵיילִיק, נָאר אוֹיךְ - לְהַבְדִּיל - דֶער גָאפְּל אוּן דִי לֶעפְל פוּן שְׁטוּבּ דַארְפְן זַיְין הֵיילִיק. דוּרְךְ ווָאס? דוּרְךְ דֶעם

18. See the concept of a simple servant as explained in the series of *maamarim* entitled *Yom Tov shel Rosh HaShanah, 5666*, beginning with the *maamar* entitled *U'Mikneh Rav.*

19. *Bereishis* 28:22.

וואָס די הַתְחָלָה איז - וַיִּפְגַּע בַּמָּקוֹם, בִּיז אַז ניט נאָר וואָכעדיקערהייט און אין דאַוונען, נאָר אויך אֲפִילוּ אין שְׁלָאף איז: וְזֶה - דאָרט וואו ער איז - שַׁעַר הַשָּׁמָיִם, דעמאָלט ווערט דער בַּיִת און אַלץ וואָס געפינט זיך אין אים - בֵּית אֱלֹקִים.

(משיחת ש"פ ויצא, תשי"א)

**one is awake and in prayer, but even when he sleeps,[20] "this" – where he is at that moment – is "the gate of heaven."[21] Then, the house and everything in it becomes a House of G-d.**

20. Yaakov made the following statement immediately upon waking from sleep.

21. Ibid. 28:17.

א) בראשית כא, לא. שם כו, לג. אויך זע אין ספורנו שם.
ב) רש"י סוף פרשת נח.
ג) שבת קמו, א (בשינוי לשון), על דרך זה ספרי לדברים לב, ט.
ד) ספר המאמרים ה'ש"ת ע' 160.
ה) ברכות כו, ב. בראשית רבה סח, ט.
ו) תהלים קכח, ב.
ז) זע בהקדמה לדרך חיים: והחכמה תפסיד. ספר המצות להצמח צדק מצות תגלחת מצורע. ובכמה מקומות.
ח) ברכות יד, סוף ע"ב. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן ס"ב ס"ח.
ט) תהלים קלא, ב. זע דאָרט בפירוש ראב"ע.
י) ברכות יז, א.

# VAYEITZEI II | ויצא ב

Adapted from a *sichah* delivered on 7 Kislev, 5712 (1951)

## Introduction

In his Psalms, King David poses a question: מֵאַיִן יָבוֹא עֶזְרִי, “From where” – *mei'ayin* – “will my help come?”[1] *Chassidus*[2] interprets these words not as a question but as a statement of faith. According to kabbalah, אַיִן (*ayin*), which literally means “nothing,” refers to a level of G-dliness so lofty that it defies all other names or descriptions. Read this way, David is actually declaring, “My help comes from *Ayin*” – from that lofty, transcendent source. Therein lies the wellspring of a Jew’s help, particularly in times of greatest challenge.

This concept forms the heart of the *sichah* that follows. The Rebbe originally delivered these words to a gathering of supporters of the Lubavitcher *yeshivah* in 1951. World Jewry was still reeling from the wounds of the Holocaust, and the future seemed uncertain. In that moment of vulnerability and doubt, the Rebbe offered a vision of hope rooted in an ancient truth: The survival and flourishing of our people depends not on external assurances or political guarantees, but on educating our youth in the timeless wisdom of Torah – and on trusting in G-d alone.

The *sichah* proceeds to explore how Yaakov built a righteous family in the most unpromising circumstances. In doing so, it provides a template for Jewish continuity in every generation. As Yaakov raised twelve tribes while surrounded by Lavan’s deception, so too can American Jews create “a Jewish army, made in America” – a generation born in exile, yet whole in their Jewish identity, ready for redemption.

---

1. *Tehillim* 121:1.

2. *Maamarei Admur HaZakein 5569,* p. 126, *et al.*

# Creating a Nation – Specifically in Exile

## Alone in Charan – Triumph over Adversity

1. **This week's Torah reading tells** the story of **a single Jew who journeyed to a foreign land. He had nothing with him when he arrived. He had anticipated having resources, but ultimately, he discovered that he possessed nothing – "with [only] my staff did I cross the Jordan."**[1] **Nevertheless, he traveled with a light heart**[2] **and confidence because he placed his trust in G-d.**[3]

**When he arrived in Charan, he realized he had no one upon whom to rely, not even his family members. His uncle Lavan also deceived him. Yet,** despite these challenges, **he never lost his trust in G-d.**

**Although it took many years of intense** and trying **labor – "By day, heat consumed me, and frost by night"**[4] **– nevertheless,** because he **worked with trust** in G-d, when he left Charan, **he was eventually able to take with him abundant possessions and great wealth. Most importantly,** he was able to raise a family that was entirely righteous; in our Sages' words,[5] **"his bed was complete." All his children turned out as they should, whole and perfect** in their faith.

א. אִין הַיְינְטִיקֶער סֶדְרָה וֶוערְט דֶערְצֵיילְט, ווִי אַזוֹי אַן אֵיין און אֵיינְצִיקֶער אִיד אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין אַ פְרֶעמְד לַאנְד. קוּמֶענְדִיק אַהִין הָאט עֶר גָארְנִיט גֶעהַאט מִיט זִיךְ. עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ פַארְמֶעגְן, צוּם סוֹף הָאט עֶר אָבֶּער גֶעזֶען, אַז עֶר הָאט גָארְנִיט, כִּי בְמַקְלִי עָבַרְתִּי אֶת הַיַּרְדֵּן. נִיט קוּקְנְדִיק אוֹיף דֶעם, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ לַייכְטֶער הַארְץ און מִיט מוּט[*], וָוארוּם עֶר הָאט גֶעהַאט בִּטָחוֹן אִין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

קוּמֶענְדִיק אִין חָרָן, הָאט עֶר גֶעזֶען, אַז עֶר הָאט דָארְט נִיט אוֹיף וֶועמֶען צוּ פַארְלָאזְן זִיךְ, אוֹיךְ נִיט אוֹיף קְרוֹבִים. אֲפִילוּ זַיְין פֶּעטֶער, לָבָן, הָאט אִים אוֹיסְגֶענַארְט. עֶר הָאט אָבֶּער נִיט פַארְלָארְן חַס וְשָׁלוֹם זַיְין בִּטָחוֹן אִין דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

און דֶערְפַאר, אִיז טְרָאץ דֶעם וָואס עֶס הָאט גֶענוּמֶען פִיל יָארְן, מִיט גְרוֹיס הָארֶעוואַנְיֶע - בַּיּוֹם אֲכָלַנִי חֹרֶב וְקֶרַח בַּלָּיְלָה, בַּיְיטָאג הָאט גֶעבְּרֶענְט דִי הִיץ און בַּיְינַאכְט דֶער פְרָאסְט - פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, אַרְבֶּעטְנְדִיק מִיט בִּטָחוֹן, אִיז דֶער סוֹף גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט מִיט זִיךְ מִיטְגֶענוּמֶען אַ סַךְ אֵייגְנְס, אַ גְרוֹיס רַייכְטוּם און דֶער עִיקָר - עֶס אִיז גֶעוֶוען "מִטָּתוֹ שְׁלֵימָה"; אַלֶע זַיְינֶע קִינְדֶער זַיְינֶען גֶעוֶוען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיְין - גַאנְץ, בִּשְׁלֵימוּת.

1. *Bereishis* 32:11. The bracketed addition is based on *Rashi's* commentary to the verse. See also *Midrash Tanchuma, Parshas Vayishlach,* Buber ed., sec. 3.

2. See *Rashi, Bereishis* 29:1; *Bereishis Rabbah* 70:8.

3. ***Bereishis Rabbah* 68:1-2.**

4. *Bereishis* 31:40.

5. *Vayikra Rabbah* 36:5; *Sifra* on *Vayikra* 26:42.

**Avraham had a virtuous son, Yitzchak, but he also had another son, Yishmael. Yitzchak also had a virtuous son, Yaakov, but he too had another son, Esav. Although both Avraham and Yitzchak raised their children in *Eretz Yisrael*,** a place of holiness, **and not in exile, it was still possible** – and indeed it **happened – that** they fathered **children like Yishmael and Esav.**

**By contrast, Yaakov and his children were in exile with no one to rely upon.** This prompted him **to call out, "From where will my help come?"**[6] As our Sages[7] comment on the verse,[8] **"Let Israel declare, 'Were it not for G-d who was with us…;'"** this was said by **"Israel the elder,"** our patriarch, **Yaakov.**

**He labored intensely while simultaneously ensuring that his children,** his sons and **daughters – twelve children living among an entirely foreign people – would not adopt the customs and lifestyle of Charan. Instead, they would be absorbed in the Torah that he, their father, more than a hundred years of age, had received from his parents, grandparents,** and ancestors, **Shem and Ever,**[9] **and had brought to this new land across the Jordan.**

**Yaakov accomplished all this. Through this** approach, **he achieved** great success: **"The man became exceedingly prosperous."**[10] **He became extraordinarily wealthy in material terms.** Moreover, **this was genuine success and blessed prosperity, for he possessed an even greater wealth: "his bed was complete." He brought all his sons and daughters out of exile, whole and complete** in their faith in G-d.

אַבְרָהָם הָאט גֶעהַאט אַ גוּטְן זוּן, יִצְחָק; עֶר הָאט אָבֶער גֶעהַאט נָאךְ אַ זוּן, יִשְׁמָעֵאל. יִצְחָק הָאט גֶעהַאט אַ גוּטְן זוּן, יַעֲקֹב; עֶר הָאט אָבֶער אוֹיךְ גֶעהַאט אַ זוּן, עֵשָׂו. הֲגַם זֵיי בֵּיידֶע - אַבְרָהָם אוּן יִצְחָק - הָאבְּן גֶעהָאדֶעוועט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן נִיט אִין גָלוּת, פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאט גֶעקֶענְט פַּאסִירְן, אַז עֶס זַיְינֶען גֶעוֶוען קִינְדֶער ווִי יִשְׁמָעֵאל אוּן עֵשָׂו - דַאקֶעגְן יַעֲקֹב, וָואס עֶר מִיט זַיְינֶע קִינְדֶער זַיְינֶען גֶעוֶוען אִין גָלוּת, נִיט גֶעהַאט אוֹיף וֶועמֶען צוּ פַארְלָאזְן זִיךְ, ווִי עֶר הָאט גֶע׳טַעֲנֶה׳ט: מֵאַיִן יָבוֹא עֶזְרִי[יא] יֹאמַר נָא יִשְׂרָאֵל, יִשְׂרָאֵל סַבָּא[יב], דֶער אַלְטֶער יִשְׂרָאֵל - יַעֲקֹב.

עֶר הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט אוּן, אֵיינְצַיְיטִיק דֶערְמִיט, גֶעדַארְפְט בַּאוָוארֶענֶען, אַז דִי קִינְדֶער, זִין אוּן טֶעכְטֶער - צְווֶעלְף קִינְדֶער צְווִישְׁן אַ גַאנְצְן פְרֶעמְדְן פָאלְק - זָאלְן נִיט אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי הַנְהָגוֹת (לֶעבְּנְס־פִירוּנְגֶען) פוּן חָרָן. זֵיי זָאלְן, אַדְּרַבָּה, אָנְזַאפְּן זִיךְ מִיט דֶער תּוֹרָה, וָואס עֶר, דֶער הוּנְדֶערְט־יָארִיקֶער אוּן נָאךְ עֶלְטֶערֶער טַאטֶע הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען פוּן זַיְינֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּר עֶלְטֶערְן שֵׁם וְעֵבֶר[יג], אוּן גֶעבְּרַאכְט אִין דֶעם נַיְיעֶם לַאנְד פוּן יֶענֶער זַיְיט יַרְדֵּן - יַעֲקֹב הָאט עֶס אַלְץ דוּרְכְגֶעזֶעצְט. אוּן דוּרְכְדֶעם דַוְקָא אוֹיסְגֶעפִירְט: וַיִּפְרֹץ הָאִישׁ מְאֹד מְאֹד[יד], עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער גְבִיר פָּשׁוּט אִין גַשְׁמִיוּת, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אֱמֶת מוּצְלָח׳דִיקֶע אוּן גְלִיקְלֶעכֶע עֲשִׁירוּת, וָוארוּם עֶר הָאט גֶעהַאט דִי נָאךְ גְרֶעסֶערֶע עֲשִׁירוּת - הָיְתָה מִטָּתוֹ שְׁלֵימָה, עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן גָלוּת אַלֶע זַיְינֶע זִין אוּן טֶעכְטֶער שְׁלֵימִים.

6. *Tehillim* 121:1.

**7. *Bereishis Rabbah* 68:11.**

8. *Tehillim* 124:1.

**9. *Bereishis Rabbah* 63:10, 68:5.**

**10.** *Bereishis* 30:43. **See *Likkutei Torah*, the beginning of *Parshas Shelach*, and *Toras Chayim*, the *maamar* entitled *Vayishlach Yaakov*,** sec. 4, which emphasize the heights that can be attained through Divine service with material entities.

## A Jewish Army – Made in America

**2. The application and** relevance **of all the above for us at present are clear.**

**Regarding the situation of Jews as a whole, and particularly concerning education,** the future is uncertain. **We see that all assurances** and promises **amount to nothing.** Instead, as King David exclaimed,[11] **"My help comes from G-d,"** or in the words of our Sages,[12] **"We have no one upon whom to rely except our Father in Heaven." He is the only one upon whom we can depend, and our bond with Him is** established **solely through** His **Torah and** its ***mitzvos.***

Our mission is to **educate our children in the path of "Israel the elder,"** protecting our uniqueness as **"a nation that dwells alone."**[13] This is achieved by maintaining **our own schools** for young children, ***yeshivos*** for older children, training them **in the spirit of G-d's Torah that we received from our parents and grandparents: Torah permeated with fear of Heaven, without compromise. This will lead to "his bed was complete,"** a generation of Torah Jews. With them, **"we will go with our youth and our elderly, with our sons and our daughters,"**[14] happily marching out of exile.

**When *Mashiach* comes, we will be able to declare with justified pride, "Here are our soldiers – our army 'made in America' – born and raised in America, yet complete Jews,** whole and **perfect** in their observance, **ready for** and worthy of **redemption."**

**May it be G-d's will that we all go forth to greet *Mashiach* speedily in our days, *amen*.**

ב. דֶער נִמְשָׁל אוּן דִי אָפְּשְׁפִּיגְלוּנְג פוּן דֶעם אַלֶעם פַאר אוּנְז אִין דֶער אִיצְטִיקֶער צַיְיט - אִיז קְלָאר.

אוּן בְּנוֹגֵעַ צוּם אַלְגֶעמֵיינֶעם מַצָב פוּן אִידְן, אוּן צוּם עִנְיַן הַחִינוּךְ בִּפְרַט:

מִיר זֶעעֶן אַז אַלֶע הַבְטָחוֹת כו׳ זַיְינֶען גָארְנִישְׁט. עֶזְרִי מֵעִם ה׳. אָנוּ אֵין לָנוּ לְהִשָּׁעֵן אֶלָּא עַל אָבִינוּ שֶׁבַּשָּׁמַיִם[טו], מִיר קֶענֶען זִיךְ פַארְלָאזְן מֶער נִיט ווִי אוֹיף דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, ווָאס אוּנְזֶער פַארְבּוּנְד מִיט אִים אִיז נָאר דוּרְךְ תּוֹרָה וּמִצְווֹת.

אַז מֶען ווֶעט דֶערְצִיעֶן קִינְדֶער אִין דֶער תּוֹרָה־ווֶעג פוּן יִשְׂרָאֵל סַבָּא: עָם לְבָדָד יִשְׁכּוֹן[טז] - אַ חֵדֶר פַאר זִיךְ, אַ יְשִׁיבָה פַאר זִיךְ, - בְּרוּחַ תּוֹרַת ה׳, ווָאס מִיר הָאבְּן בַּאקוּמֶען פוּן אוּנְזֶערֶע עֶלְטֶערְן אוּן אוּר עֶלְטֶערְן, תּוֹרָה בְּיִרְאַת שָׁמַיִם, אָן פְּשָׁרוֹת, דַאן ווֶעט זַיְין מִטָּתוֹ שְׁלֵימָה, אַז בִּנְעָרֵינוּ וּבִזְקֵנֵינוּ נֵלֵךְ, בְּבָנֵינוּ וּבִבְנוֹתֵינוּ[יז]. אַז מָשִׁיחַ ווֶעט קוּמֶען, ווֶעלְן מִיר מִיט בַּארֶעכְטִיקְטְן שְׁטָאלְץ קֶענֶען זָאגְן: אָט זַיְינֶען אוּנְזֶערֶע סָאלְדַאטְן, - אוּנְזֶער אַרְמֵיי "מֵייד אִין אַמֶערִיקַא", - גֶעבָּארְן אוּן גֶעהָאדֶעווֶעט אִין אַמֶערִיקֶע, אָבֶּער - גַאנְצֶע אִידְן, שְׁלֵימִים - גְרֵייט צוּ גְאוּלָּה.

וִיהִי רָצוֹן, אַז מִיר אַלֶע זָאלְן גֵיין אַנְטְקֶעגְן מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְיָמֵינוּ, אָמֵן.

(משיחת ז׳ כסלו, תשי״ב)

---

11. *Tehillim* 121:2.

12. *Sotah* 49a.

13. *Bamidbar* 23:9.

14. *Shmos* 10:9.

י*) בראשית רבה ריש פרשת ויצא.
יא) תהלים קכא, א.
יב) בראשית רבה פרשה סח, יא.
יג) בראשית רבה סג, י. סח, ה.
יד) זע לקוטי תורה ריש פרשת שלח. תורת חיים ד"ה וישלח יעקב ס"ד.
טו) סוטה מט, א.
טז) במדבר כג, ט.
יז) שמות י, ט.

# VAYEITZEI III | ויצא ג

Adapted from a *sichah* delivered on 2 Kislev, 5714 (1953)

## Introduction

Ask someone whether their relationship with G-d could surpass that of Avraham, Yitzchak, and Yaakov, and they would likely look at you with bewilderment. We know who we are. By contrast, the Patriarchs were spiritual giants who spoke directly with G-d and whose actions shaped the course of the world's spiritual history. How can our modest awareness of G-d possibly compare to theirs?

The *sichah* that follows answers that question through an unexpected lens: Laws derived from Yaakov's wedding. Beginning with a technical question about pre-Sinai precedents, the Rebbe unfolds a profound teaching about what changed at Sinai and what remained constant, clarifying the difference between our relationship with G-d and the Patriarchs'. They related to G-d through their own spiritual power, reaching the highest levels that created beings can attain. However, the Giving of the Torah opened up an entirely new channel through which man can bond with G-d. At Sinai, He invested transformative energy into the Torah and conveyed that energy to us. Employing it enables us to unite ourselves – and even physical objects – with G-d's Essence.

The discussion culminates with a parallel insight: Just as the Giving of the Torah revolutionized our Divine service, so too, did the revelation of Chassidus open new pathways, making spiritual heights once accessible only to a select elite, available to every Jew – and enabling us to perform this spiritual service with joy.

# Before the Giving of the Torah and Afterwards

## A Halachic Puzzle

**1. The first marriage described in the Torah is the marriage** between **Yitzchak** and Rivkah.[1] **However, the Torah describes** little more than **the preparations for the wedding. The first marriage where the Torah describes the actual wedding ceremony itself in detail is that of Yaakov, the chosen of the patriarchs. And from this** account, **we derive several laws regarding how a Jewish wedding should be conducted.**

For example, **from the verse,[2] "Fulfill this one's week...," which concerns Yaakov's wedding, we derive[3] two laws:**

**a) The obligation of seven days of celebration** (*sheva berachos*) **following the wedding, and,**

**b) One celebration should not be combined with another; in other words, a wedding celebration should not be held during the time of another celebration.[4]**

The Talmudic commentators[5] **raise a difficulty regarding this: Seemingly, this** derivation **contradicts the principle that we do not derive** halachic precepts **from events that occurred before the Giving of the Torah.[6]**

**Furthermore, there** seems to be a contradiction regarding the **derivation** of **these two** laws: **The obligation of the seven days of celebration**

א. דִי עֶרְשְׁטֶע נִשּׂוּאִין (חֲתוּנָה) וָואס וֶוערְט בַּאשְׁרִיבְּן אִין תּוֹרָה אִיז דִי נִשּׂוּאִין פוּן יִצְחָק'ן[י"ח]. אָבֶּער וֶועגְן יִצְחָק'ס חֲתוּנָה וֶוערְט בַּאשְׁרִיבְּן מֶער נִיט וִוי דִי הֲכָנוֹת צוּ דֶער חֲתוּנָה, דִי עֶרְשְׁטֶע נִשּׂוּאִין וָואס דִי תּוֹרָה בַּאשְׁרַייבְּט בִּפְרָטִיּוּת דֶעם סֵדֶר פוּן דֶער חֲתוּנָה אַלֵיין, אִיז דִי נִשּׂוּאִין פוּן יַעֲקֹב'ן - בְּחִיר הָאָבוֹת. אוּן מֶען לֶערְנְט אָפּ פוּן דֶעם כַּמָּה דִינִים וִוי עֶס דַארְף זַיְין דֶער סֵדֶר פוּן אַ אִידִישֶׁער חֲתוּנָה.

פוּן דֶעם פָּסוּק מַלֵּא שְׁבוּעַ זֹאת גו' (וָואס שְׁטֵייט בַּיי יַעֲקֹב'ס חֲתוּנָה), לֶערְנְט מֶען אָפּ[י"ט] צְוֵויי דִינִים: א) דֶעם דִין פוּן שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה. ב) אֵין מְעָרְבִין שִׂמְחָה בְּשִׂמְחָה, דָאס הֵייסְט אַז דִי שִׂמְחַת הַחֲתוּנָה דַארְף מֶען נִיט מַאכְן אִין דֶער צַיְיט פוּן אַן אַנְדֶער שִׂמְחָה.

פְרֶעגְט מֶען אוֹיף דֶעם[כ]: אִין פְּלוּג אִיז דָאךְ דָאס קֶעגְן דֶעם כְּלַל אַז אֵין לְמֵדִין מִקּוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה (מֶען לֶערְנְט נִיט אָפּ פוּן דִי עִנְיָנִים וָועלְכֶע הָאבְּן פַּאסִירְט פַאר מַתַּן תּוֹרָה)[כ"א]?

נָאךְ מֶער: אִין דִי צְוֵויי לִמּוּדִים גוּפָא אִיז דֶער דִין פוּן שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה

1. See *Likkutei Sichos,* Vol. 1, p. 34.

2. *Bereishis* 29:27.

3. *Pirkei D'Rabbi Eliezer,* ch. 16; *Talmud Yerushalmi, Mo'ed Kattan* 1:7.

4. For this same reason, weddings are not held during the festivals.

5. *Mareh HaPanim* on the *Talmud Yerushalmi,* op. cit.

6. *Talmud Yerushalmi, Mo'ed Kattan* 3:5, cited by *Tosafos, Mo'ed Kattan* 20a, s.v. *mah chag shivah; Bereishis Rabbah* 100:7.

**is only Rabbinic** in origin. True, **there is an opinion**[7] **that there is a Scriptural obligation to celebrate on the first day. However,** the obligation to celebrate on **the remaining days is certainly of Rabbinic** origin **because** the law derived from this verse **is not considered an explicit Scriptural duty.** Why is it not considered a Scriptural obligation based on the description of Yaakov's wedding? **It could be said that the reason for this** can be explained by the principle **that we do not derive halachic laws from** events that occurred **before the Giving of the Torah.**

However, this leads to a conceptual difficulty: **According to *Tosafos,***[8] **the law that one celebration should not be combined with another has Scriptural authority** because **it was derived** from the above narrative.[9] How then do the two concepts coexist? In one instance, the Sages considered the description as a totally valid source for a ruling of Scriptural authority, while in the other, it is considered only an allusion.

נָאר אַ דְרַבָּנָן - אוֹיף דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג אִיז דָא אַ סְבָרָא[כב] אַז סְ'אִיז דְאוֹרַיְתָא אָבֶער דִי אִיבֶּערִיקֶע טֶעג זַיְינֶען זִיכֶער דְרַבָּנָן - וַוְיְיל סְ'אִיז נִיט קֵיין דְרָשָׁה גְמוּרָה, אוּן דֶער טַעַם אוֹיף דֶעם קֶען מֶען זָאגְן וַוְיְיל אֵין לְמֵדִין מִקוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה, הַיְינְט ווִי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען אָפּ פוּן דֶעם זֶעלְבְּן פָּסוּק דִי הֲלָכָה פוּן אֵין מְעָרְבִין שִׂמְחָה בְּשִׂמְחָה, וָואס - לְדַעַת הַתּוֹסְפוֹת[כג] - אִיז עֶס אַ דְרָשָׁה גְמוּרָה אוּן דְאוֹרַיְתָא?

## Divine Decree or Human Nature

**2.** The difficulty can **be resolved as follows: The principle that we do not derive** rulings **from** events that occurred **before the Giving of the Torah applies specifically to halachic** rulings, i.e., directives mandating actual practice. In such instances, we follow the principle,[10] **"The Torah was given and [brought about] an innovation in law (*halachah*)."** Accordingly, any directive taught before the giving of the Torah is no longer binding. **By contrast, matters that reveal the characteristics of the human soul** – in other words, people's **character traits – can be derived from** events that occurred **before the Giving of the Torah,** because human character traits are constant; **in this regard, there is no difference between before and after the Giving of the Torah.**

ב. דֶער תִּירוּץ אוֹיף דֶעם אִיז, אַז דֶער כְּלַל אֵין לְמֵדִין מִקוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה אִיז אִין עִנְיָנִים פוּן הֲלָכוֹת דַוְקָא. וַוְיְיל נִתְּנָה תּוֹרָה וְנִתְחַדְּשָׁה הֲלָכָה[כד]. אָבֶּער עִנְיָנִים פוּן גִילּוּי תְּכוּנוֹת נֶפֶשׁ הָאָדָם (עִנְיָנִים וֶועלְכֶע וַוְיְיזְן אָן אוֹיף דִי כַאַרַאקְטֶער־שְׁטְרִיכְן פוּן מֶענְטשְׁן), קֶען מֶען אָפְּלֶערְנֶען אוֹיךְ פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה, וַוְיְיל אִין דֶעם אִיז נִיטָא קֵיין חִילוּק פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה בִּיז נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה.

**Accordingly, we can understand the distinction be-**

בְּמֵילָא אִיז פַארְשְׁטַאנְדִיק

---

**7.** **See *Magen Avraham, Orach Chayim* 546:6;** Rabbeinu Asher, *Kesubos* 1:5.

**8.** ***Tosafos, Mo'ed Kattan* 8b, s.v. *lefi.* See also *Tosafos, Kesubos* 47a, s.v. *dimasar.***

9. The Rebbe is emphasizing that our Sages would derive two types of obligations from Scriptural verses, a) explicit directives, laws that are considered *mid'oraisa,* of Scriptural origin, and b) allusions, practices that are hinted at by Scriptural verses, but are not explicitly stated. See *Encyclopedia Talmudis, erech asmachta.*

**10.** ***Bava Basra* 110b.**

**tween the two abovementioned laws:** The institution of **the seven days of celebration is a ruling** regarding actual practice, and such matters were redefined at the Giving of the Torah. **By contrast, regarding the law that one celebration should not be combined with another, we derive an** insight into the nature of **people's character traits.** Such an insight can be derived **from** the events that occurred **before the Giving of the Torah.** Once that character trait is known, **the law that one celebration is not combined with another is understood as a matter of course, as will be explained.**

דֶער חִילּוּק פוּן דִי צְווֵיי דֶערְמָאנְטֶע דִינִים: וועגן שִׁבְעַת יְמֵי הַמִּשְׁתֶּה - דַארְף מֶען אָפְּלֶערְנֶען אַ הֲלָכָה, מַה שֶׁאֵין כֵּן בְּעִנְיַן אֵין מְעָרְבִין שִׂמְחָה בְּשִׂמְחָה, אִיז פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה לֶערְנְט מֶען אָפּ נָאר דָאס וָואס ס'אִיז נוֹגֵעַ צוּ תְּכוּנוֹת הַנֶּפֶשׁ, אוּן דֶעם דִין פוּן אֵין מְעָרְבִין שִׂמְחָה בְּשִׂמְחָה, ווייס מֶען שׁוֹין בְּמֵילָא, ווִי עֶס וועט שְׁפֶּעטֶער דֶערְקְלֶערְט וועֶרְן.

## Being Fully Present

**3. There are two** possible **conceptions regarding** the expression of **character traits:**

**a) When a person experiences a particular emotional state, such as the emotion of joy,** one might think that **even though the joy stems from a specific cause, joy from another cause would nevertheless enhance it because the same emotional state** is involved.

**b)** Conversely, it could be said that **when a person experiences joy from a particular cause, not only will that joy not enhance another** experience of **joy, but on the contrary, it will actually interfere with it. True, the results** – the experiences of joy – **are** both **expressions of the same emotion. Nevertheless, since the causes are different, as a matter of course, one will disrupt the other.** This disruption **will ultimately be reflected in the results; the experience of joy** itself will be minimized.

**The verse, "Fulfill this one's week...," teaches us that the second approach is correct. As such, we know the law that one celebration should not be combined with another.**

**The rejoicing of a bride and groom must be – like every** expression of **joy** associated with **a** ***mitzvah*** **– such a** complete **joy that one is totally absorbed** and invested **in it.** *Mitzvos* demand such a degree

ג. אִין תְּכוּנוֹת הַנֶּפֶשׁ קֶענֶען זַיְין צְווֵיי סְבָרוֹת: א) בְּשַׁעַת אַ מֶענְטשׁ אִיז אִין אַ גֶעווִיסֶער תְּנוּעָה־שְׁטִימוּנְג, אַזוֹי ווִי דִי תְּנוּעָה פוּן שִׂמְחָה, אִיז הֲגַם דִי שִׂמְחָה אִיז פוּן אַ בַּאשְׁטִימְטְן עִנְיָן, פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן הֶעלְפְט דָאס אוֹיךְ צוּ דֶער שִׂמְחָה פוּן אַן אַנְדֶער עִנְיָן, ווַיְיל ס'אִיז דָאךְ דִי זֶעלְבֶּע תְּנוּעָה. ב) בְּשַׁעַת אַ מֶענְטשׁ שְׁטֵייט אִין אַ תְּנוּעָה פוּן שִׂמְחָה מִצַּד ווֶעלְכֶע ס'אִיז סִיבָּה, אִיז נִיט נָאר ווָאס דִי שִׂמְחָה הֶעלְפְט נִיט צוּ אַן אַנְדֶער שִׂמְחָה, נָאר אַדְּרַבָּה, עֶס שְׁטֶערְט נָאךְ. הֲגַם אַז בֵּיידֶע מְסוּבָּבִים (רֶעזוּלְטַאטְן) זַיְינֶען פוּן דֶער זֶעלְבֶּער תְּנוּעָה, ווִיבַּאלְד אָבֶּער דִי סִבּוֹת זַיְינֶען פַארְשִׁידֶענֶע, אוּן בְּמֵילָא - מְבַלְבֵּל אֵיינֶע דִי צְווֵייטֶע, מוּז דָאס אַזוֹי אַרוֹיסְקוּמֶען אוֹיךְ אִין דִי מְסוּבָּבִים - אִין דֶער שִׂמְחָה.

אוּן דָאס לֶערְנְט מֶען אָפּ פוּן דֶעם פָּסוּק מַלֵּא שְׁבוּעַ זֹאת, אַזוֹי ווִי דִי צְווֵייטֶע סְבָרָא. אוּן מִמֵּילָא ווייס מֶען דֶעם דִין פוּן אֵין מְעָרְבִין שִׂמְחָה בְּשִׂמְחָה.

שִׂמְחַת חָתָן וְכַלָּה דַארְף זַיְין, אַזוֹי ווִי יֶעדֶער שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה, אַזַא שִׂמְחָה אוּן אִין אַזַא אוֹפֶן

of involvement **because** every ***mitzvah*** involves **the fulfillment of** G-d's **will.** Accordingly, **a person must carry out a *mitzvah* with** the complete commitment of **his will,** carrying out our Sages' teaching,[11] **"Make His will like your will."** As a result, **the person will be** totally **present, as the Baal Shem Tov taught, "Where a person's will is [focused, that is] where he himself is,"** i.e., **his entire essence is invested there. Consequently, the joy** of a wedding celebration **must involve a person's entire soul.**

Now, **since we know that the entire soul should be engaged in the joy of the celebration of a wedding, we** can **derive a lesson from** an event **that preceded the Giving of the Torah.** We see **that – regarding character traits – one** expression of **joy disrupts another.** As such, **as a matter of course, we understand that the celebration** of one *mitzvah* **should not be combined with the celebration of another *mitzvah,* because** doing so would **disrupt the joy of the other *mitzvah*.**

אַז מֶען זָאל דָארְטְן זַײַן אִינְגַאנְצְן. וַוײַל מִצְוָה אִיז קִיּוּם רְצוֹנוֹ יִתְבָּרֵךְ, אוּן דֶער מֶענְטשׁ דַארְף עֶס טָאן מִיט זַײַן אֵייגֶענֶעם רָצוֹן, עֲשֵׂה[כה] רְצוֹנוֹ כִּרְצוֹנְךָ, וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער מֶענְטשׁ דָארְטְן, ווִי דֶער מַאֲמַר הַבַּעַל־שֵׁם־טוֹב: בְּמָקוֹם שֶׁרְצוֹנוֹ שֶׁל אָדָם שָׁם הוּא עַצְמוֹ (דָארְט וואוּ עֶס אִיז דֶעם מֶענְטשְׁנְס רָצוֹן, דָארְט אִיז עֶר מִיט זַײַן גַאנְצְן עֶצֶם), בְּמֵילָא דַארְף זַײַן דִי שִׂמְחָה פוּן דֶעם גַאנְצְן נֶפֶשׁ. ווִיבַּאלְד מֶען ווֵייס אַז שִׂמְחַת חָתָן וְכַלָּה דַארְף זַײַן אַ שִׂמְחָה וָואס אִין דֶעם זָאל שְׁטֵיין דֶער גַאנְצֶער נֶפֶשׁ, לֶערְנט מֶען אָפּ פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה, אַז אִין תְּכוּנוֹת הַנֶּפֶשׁ אִיז אֵיין שִׂמְחָה מְבַלְבֵּל דִי צְווֵייטֶע, ווֵייס מֶען בְּדֶרֶךְ מִמֵּילָא, אַז אֵין מְעָרְבִין שִׂמְחָה בְּשִׂמְחָה פוּן אַ צְווֵייטֶער מִצְוָה, וַוײַל עֶס אִיז מְבַלְבֵּל צוּ דֶער שִׂמְחָה פוּן דֶער מִצְוָה.

## What Sinai Changed and What It Did Not

**4. The explanation of the spiritual counterpart of this concept: Through the power of their Divine service, the Patriarchs were able to reach** the loftiest levels of spiritual refinement, **the source of created beings,** even **before the Giving of the Torah.** This is **the highest degree of perfection that created beings can attain on their own.**[12] **However, their entire Divine service** possessed an inherent limitation; it involved only **the spiritual realm.** It could not affect the material realm. In **the words of the Midrash,**[13] **there was a decree, "The inhabitants of Rome may not descend**

ד. דִי דֶערְקְלֶערוּנְג פוּן דֶעם אִין רוּחְנִיּוּת:

דִי אָבוֹת פַאר מַתַּן תּוֹרָה הָאבְּן דֶערְלַאנְגְט מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן זֵייעֶר עֲבוֹדָה בִּיז שֹׁרֶשׁ הַנִּבְרָאִים, וָואס דָאס אִיז דִי הֶעכְסְטֶע שְׁלֵימוּת צוּ וֶועלְכֶער נִבְרָאִים קֶענֶען צוּקוּמֶען מִצַּד עַצְמָם. אָבֶּער זֵייעֶר גַאנְצֶע עֲבוֹדָה אִיז גֶעווֶען בְּרוּחְנִיּוּת, מִצַּד דֶער גְזֵירָה פוּן בְּנֵי רוֹמִי לֹא יֵרְדוּ

11. *Avos* 2:4.

12. The Patriarchs' Divine service was of an extremely lofty nature. They reached the highest level that a created being could possibly reach on his own; as stated in the main text, they reached the source within G-dliness for the existence of the created beings. However, that statement also reflects the limitation of their Divine service; it was only what could be achieved by a created being on his own. The Giving of the Torah opened up an entirely new dimension of Divine service, enabling man to relate – and draw down to this world – unlimited G-dliness that transcends the limits of the created beings.

13. *Shmos Rabbah* 12:3.

**to Syria, and the inhabitants of Syria may not ascend to Rome."** As the Midrash continues, **at the time of the Giving of the Torah, this decree was nullified. G-d said, "I will initiate,"** as it is written,[14] **"And G-d descended on Mount Sinai," and "To Moshe, He said, 'Ascend to G-d.'"**[15] This brought about a drastic change in what it means to carry out a *mitzvah* – the potential to fuse the material and the spiritual. **Now – after the Giving of the Torah – we can reach and unite with G-d's Essence and Being, so to speak, and do so, even** through performing a *mitzvah* **with a physical object. This is possible because** we are acting **with His power – "I will initiate."**

**Thus, the meaning** of the principle **that we do not derive** rulings **from** events **that preceded the Giving of the Torah** results from the change reflected by the phrase, **"The Torah was given and [brought about] an innovation in law." Before the Giving of the Torah, there were various strategies and approaches for how to ascend upward and** limitations as to **how far one could reach. But after the Giving of the Torah – "The Torah was given and [brought about] an innovation in law" – new modes and pathways emerged,** making it possible **to transform oneself in one moment.** A person can rise **from the lowest depths to the highest heights** in such a brief time and do so **via a physical object.**

**Nevertheless, matters that are relevant to character traits can still be derived from** events that occurred **before the Giving of the Torah.** The rationale is that our mission includes **refining and correcting** the world at large **through the observance of the Torah and its *mitzvos*.** This mission includes not only our immediate situation but also **matters that existed before the Giving of the Torah,** including **the rectification of the Shattering of the Vessels** of the realm of *Tohu,* **the sin of the Tree of Knowledge, and the other sins.** Although the Giving of the Torah purified all existence, **the impurity** imparted by **the Primordial Serpent re-**

לְסוּרְיָא וּבְנֵי סוּרְיָא לֹא יַעֲלוּ לְרוֹמִי, ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין מִדְרָשׁ רַבָּה[כ]. אָבֶער בְּשַׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אִיז נִתְבַּטֵל גֶעוואָרְן דִי גְזֵירָה, אוּן ווִי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט וַאֲנִי הַמַּתְחִיל - וַיֵּרֶד הֲוָיָ' עַל הַר סִינַי וְאֶל מֹשֶׁה אָמַר עֲלֵה אֶל ה', אִיז אִיצְטֶער - נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה - קֶען מֶען אוֹיךְ דוּרְךְ אַ דָבָר גַּשְׁמִי דֶערְלַאנְגֶען אוּן פַארְאֵיינְצִיקְן זִיךְ מִיט עַצְמוּת וּמַהוּת אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, כִּבְיָכוֹל. ווָארוּם דָאס אִיז בְּכֹחוֹ יִתְבָּרֵךְ - וַאֲנִי הַמַּתְחִיל.

אוּן דָאס מֵיינְט, אֵין לְמֵדִים מִקוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה, ווַיְיל נִתְּנָה תּוֹרָה וְנִתְחַדְּשָׁה הֲלָכָה - פַאר מַתַּן תּוֹרָה זַיְינֶען גֶעווֶען פַארְשִׁידֶענֶע עֵצוֹת אוּן דְרָכִים ווִי אַזוֹי צוּ דֶערְלַאנְגֶען לְמַעְלָה אוּן בִּיז ווַאנֶען צוּ דֶערְלַאנְגֶען. אָבֶער נָאךְ מַתַּן תּוֹרָה - נִתְּנָה תּוֹרָה וְנִתְחַדְּשָׁה הֲלָכָה, עֶס זַיְינֶען גֶעוואָרְן נַיְיעֶ אוֹפַנִּים וּדְרָכִים, ווִי אַזוֹי צוּ אִיבֶּערְשְׁטֶעלְן זִיךְ בְּשַׁעְתָּא חֲדָא (אִין אֵיין ווַיְילֶע), אוּן אוֹיךְ דוּרְךְ אַ דָבָר גַּשְׁמִי - מֵעוֹמֶק תַּחַת אִין עוֹמֶק רוּם (פוּן זֵייעֶר טִיף צוּ זֵייעֶר הוֹיךְ).

פוּנְדֶעסְטְווֶעגְן אִיז דָאס ווָאס ס'אִיז נוֹגֵעַ צוּ תְּכוּנוֹת הַנֶּפֶשׁ לֶערְנְט מֶען יָא אָפּ פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה, ווַיְיל דוּרְךְ קִיוּם פוּן תּוֹרָה וּמִצְווֹת דַארְף מֶען מְבָרֵר זַיְין אוּן מְתַקֵּן זַיְין דִי עִנְיָנִים ווָאס זַיְינֶען גֶעווֶען פַאר מַתַּן תּוֹרָה, תִּיקוּן פוּן עִנְיַן שְׁבִירַת הַכֵּלִים, חֵטְא עֵץ הַדַּעַת אוּן דִי אִיבֶּערִיקֶע חֲטָאִים, ווָארוּם נָאכְן חֵטְא הָעֵגֶל

---

14. *Shmos* 19:20.

15. Ibid. 24:1.

**turned after the sin of the Golden Calf.**[16] **Accordingly, the character traits** that existed **before the Giving of the Torah are relevant** to our Divine service. **Since we must refine them, we must know** the parameters of **what we are dealing with.**

**However, this applies only to what must be refined. By contrast,** the Jews, **the ones who carry out the refinement, and** the Torah and its *mitzvos,* **which are the means that bring about the refinement,** underwent a radical change through the Giving of the Torah. Accordingly, **rulings cannot be derived from** events **that preceded the Giving of the Torah, since "The Torah was given and [brought about] an innovation in law."**

אִיז דָאךְ חָזְרָה זוּהֲמָתָן פוּן נָחָשׁ הַקַדְמוֹנִי[כז]. בְּמֵילָא זַיְינֶען נוֹגֵעַ תְּכוּנוֹת הַנֶפֶשׁ פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה. וְוִיבַּאלְד אַז מֶען דַארְף זֵיי מְבָרֵר זַיְין, דַארְף מֶען וְוִיסְן מִיט וְועֶמֶען מֶען הָאט צוּ טָאן. דָאס אִיז אָבֶּער אַלְץ וָואס אִיז בְּנוֹגֵעַ צוּ דֶעם מִתְבָּרֵר, אָבֶּער בְּנוֹגֵעַ צוּ דֶעם מְבָרֵר אוּן דִי אוֹפַנִים פוּן דִי בֵּירוּרִים, אִיז אֵין לְמֵדִים מִקוֹדֶם מַתַּן תּוֹרָה, וְוַיְיל נִתְּנָה תּוֹרָה וְנִתְחַדְשָׁה הֲלָכָה.

## A New Path

5. **The month of Kislev is the month of redemption, a month of miracles.**[17] **In this month, our Rebbeim revealed the inner dimension of the Torah to us in greater** depth **and breadth** than ever before. **This imparts vitality and enthusiasm even to** the study of ***nigleh,* the revealed** and primarily legalistic **dimension of the Torah, and to the observance of *mitzvos.*** A person's approach to **the study of the revealed dimension of the Torah and his vitality in observing the *mitzvos* – and as a result, the *hiddur,* the care and beauty** he invests in their observance – **will be entirely different after he learns the inner dimension of the Torah than it was beforehand. Knowledge of the inner dimension of the Torah infuses vitality and joy also in** a person's study of ***nigleh*** **and** his actual **observance of the *mitzvos.***

**This parallels the previously mentioned concept.** To describe the change **using similar terminology:** When ***pnimiyus haTorah***, **the inner dimension of the Torah, was revealed, that** brought about **an innovation**

ה. חֹדֶשׁ כִּסְלֵו אִיז דֶער חֹדֶשׁ הַגְאוּלָה אוּן חֹדֶשׁ פוּן נִסִים. וּבַחֹדֶשׁ הַזֶה הָאבְּן רַבּוֹתֵינוּ נְשִׂיאֵינוּ אוּנְז מְגַלֶה גֶעוָוען פְּנִימִיוּת הַתּוֹרָה בְּיוֹתֵר וּבְהַרְחָבָה בְּיוֹתֵר וָואס דָאס גִיט אַ חַיוּת וְהִתְלַהֲבוּת אוֹיךְ אִין גַלְיָא דְתוֹרָה אוּן אִין קִיוּם הַמִצְוֹת. עֶס אִיז נִיט גְלַיְיךְ דֶער לִמוּד פוּן גַלְיָא דְתוֹרָה אוּן דֶער חַיוּת אִין קִיוּם הַמִצְוֹת (וּכְתוֹצָאָה מִזֶה - הַהִידוּר) אֵיידֶער עֶר וֵוייס פְּנִימִיוּת הַתּוֹרָה צוּ נָאכְדֶעם וִוי עֶר וֵוייס פְּנִימִיוּת הַתּוֹרָה. דִי יְדִיעָה פוּן פְּנִימִיוּת הַתּוֹרָה גִיט אִים אַ חַיוּת אוּן אַ שִׂמְחָה אוֹיךְ אִין נִגְלֶה, אוּן אִין מַעֲשֵׂה הַמִצְוֹות.

אִיז דָאס - עַל דֶרֶךְ הַנַ"ל וּבְסִגְנוֹן הַנַ"ל - אַן עִנְיָן: פוּן נִתְגַלָה פְּנִימִיוּת הַתּוֹרָה

---

16. ***Zohar,* Vol. I, p. 52b.** Although a certain degree of that impurity returned, **it did not return in its entirety;** it did not regain **its original strength (*Nitzutzei Oros* on *Zohar,* Vol. III, p. 14b).**

17. In addition to the Chanukah miracle, the month of Kislev is distinguished by the miraculous redemption of the Alter Rebbe on 19 Kislev, that of his son, the Mitteler Rebbe on 10 Kislev, and the Alter Rebbe's second redemption on the third night of Chanukah.

**in law, *halachah.*** The word *halachah,* "law," shares the same root letters as the word *halichah,* "going forward." The revelation of *Chassidus* made possible innovative **modes of** conduct for **progress in the service of G-d.** Spiritual peaks **that could not be attained before the inner dimension was revealed – or** could be attained **only by a spiritual elite or** required **tremendous effort through** esoteric **paths and byways** – could now be attained by all Jews. **"The Torah** [– *pnimiyus haTorah* –] **was revealed, and this brought about an innovation,"** a new way **to proceed on the King's path.**[18] **All Jews can attain** these lofty levels **through studying the inner dimension of the Torah and following its guidance, and,** moreover, **also** that they can do so with **joy.**

The latter point **was one of the fundamental demands** highlighted by **the Baal Shem Tov,** who emphasized the necessity to **"Serve G-d with joy."**[19] Indeed, **even before** his time, the connection between *pnimiyus haTorah* and joy was apparent since, **as is well known, the *Arizal* merited *ruach hakodesh*** **("Divine inspiration") through** his **joy** in the fulfillment **of *mitzvos.***[20]

The possibility of *pnimiyus haTorah* bringing about a more comprehensive degree of refinement can be understood **based on the above explanation that character traits can be derived from** events that occurred **before the Giving of the Torah, because** our mission also includes **refining matters that preceded the Giving of the Torah.** A similar concept applies regarding *pnimiyus haTorah.* **As is well-known, nearly all the souls in these generations are not new souls. Instead, they have descended** to this world **through reincarnation to complete matters** left unfinished in their **earlier** lifetimes.[21] **This applies particularly to Torah study, as the Alter Rebbe rules in** his ***Shulchan Aruch, Hilchos Talmud Torah:***[22] A soul **undergoes many reincarnations until it completes** the observance of **all**

וְנִתְחַדְּשָׁה הֲלָכָה - אוֹפַנִּי הֲלִיכָה בַּעֲבוֹדַת ה׳, דָאס וָואס אֵיידֶער עֶס אִיז נִתְגַּלֶּה גֶעוָוארְן פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה הָאט מֶען נִיט גֶעקֶענְט דֶערְגְרֵייכְן, אָדֶער - נָאר יְחִידֵי סְגֻלָּה, אָדֶער מֶען הָאט גֶעדַארְפְט אָנְקוּמֶען צוּ אַ יְגִיעָה עֲצוּמָה בִּנְתִיבוֹת וּשְׁבִילִים, אִיז אִיצְטֶער נִתְגַּלָּה תּוֹרָה וְנִתְחַדְּשָׁה הֲלִיכָה בְּדֶרֶךְ הַמֶּלֶךְ[כח], אַז אַלֶע אִידְן קֶענֶען צוּקוּמֶען צוּ דֶעם אַלֶעם דוּרְךְ לִמּוּד פְּנִימִיּוּת הַתּוֹרָה וַהֲלִיכָה בְּהַדְרָכוֹתֶיהָ, אוּן אִין דֶעם אוֹיךְ דֶעם עִנְיַן הַשִּׂמְחָה.

וָואס דָאס אִיז גֶעוֶועְן אֵיינֶע פוּן דִי פָּאדֶערוּנְגֶען פוּן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב: עִבְדוּ אֶת הֲוָיָ׳ בְּשִׂמְחָה[כט]; אוּן נָאךְ פְרִיעֶר, - וִוי בַּאוואוּסְט אַז דֶער אֲרִיזַ״ל הָאט זוֹכֶה גֶעוֶועְן צוּ רוּחַ הַקֹּדֶשׁ, דוּרְךְ שִׂמְחָה שֶׁל מִצְוָה[ל].

אוּן לוֹיט דֶער דֶערְקְלֶערוּנְג, אַז דֶער טַעַם וָואס תְּכוּנוֹת הַנֶּפֶשׁ לֶערְנְט מֶען אָפּ פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה, ווַיְיל מֶען דַארְף אוֹיפְטָאן אִין עִנְיָנִים פוּן פַאר מַתַּן תּוֹרָה - אִיז דָאךְ בַּאוואוּסְט אַז כִּמְעַט אַלֶע נְשָׁמוֹת פוּן אוּנְזֶערֶע דוֹרוֹת זַיְינֶען נִיט קֵיין נַיְיעֶ נְשָׁמוֹת, נָאר וָואס זַיְינֶען אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אִין גִלְגּוּל אוֹיף מְמַלֵּא זַיְין עִנְיָנִים פוּן פְרִיעֶר, אוּן בְּיִחוּד בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה, אִיז דָאךְ אַזוֹי אָפְּגֶע׳פַּסְקְ׳נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ הִלְכוֹת תַּלְמוּד תּוֹרָה לְרַבֵּינוּ הַזָּקֵן[לא] אַז מֶען קוּמְט בְּגִלְגּוּלִים רַבִּים בִּיז מְ׳אִיז מַשְׁלִים

---

**18.** See *Bava Basra* **100b,** which explains that "a king's path" has no maximum width, in this context, the intent that *Chassidus* is a wide path that many can follow.

**19.** ***Tehillim*** **100:2.**

**20.** ***Torah Or,*** **p. 20b**

21. See *Ramaz* on the *Zohar,* Vol. III, p. 42a.

**22. The Alter Rebbe's *Shulchan Aruch, Hilchos Talmud Torah* 1:4.** See also *Tanya, Iggeres HaKodesh,* Epistle 29.

כָּל הַמִּצְוֹת וְתוֹרָה הֵן אֵין פְּשַׁט רֶמֶז דְּרוּשׁ, הֵן אֵין סוֹד - (כְּפִי יְכוֹלֶת הַשָּׂגָתוֹ וְשֹׁרֶשׁ נַפְשׁוֹ לְמַעְלָה)[לב] - און נָאר דוּרְךְ דֶעם קֶען דִי נְשָׁמָה צוּקוּמֶען לְהִתְתַּקֵּן וּלְהִשְׁתַּלֵּם בִּצְרוֹר הַחַיִּים אֶת ה' בִּמְקוֹרָהּ אֲשֶׁר חֻצְּבָה מִשָּׁם.

(משיחת ב' כסלו, תשי"ד)

**the *mitzvos* and** masters the knowledge of all the dimensions of **Torah study** – its **literal meaning, allusions, homiletical interpretations, and mystical dimensions**[23] **(according to the capacity of one's comprehension and the source of one's soul Above).**[24] **Only through this can** the refinement of **the soul** be completed and it **be perfected** and bound **"in the bond of life with G-d,"**[25] **in its source from which it was hewn.**

23. These terms are translations for the Hebrew *pshat, remez, derush,* and *sod.*

24. *Tanya,* the beginning of ch. 4.

25. Cf. *I Shmuel* 25:29.

יח) זע לקו"ש ח"א עמוד 34.
יט) פרקי דרבי אליעזר פט"ז. ירושלמי מועד קטן פ"א ה"ז.
כ) מראה הפנים בירושלמי שם.
כא) ירושלמי מועד קטן פ"ג ה"ה, מובא בתוספות מועד קטן כ, א, ד"ה מה חג שבעה. בראשית רבה ק, ז.
כב) זע מגן אברהם אורח חיים סימן תקמו, סק"ד.
כג) תוספות ד"ה לפי, מועד קטן ח, ב. זע אויך תוספות ד"ה דמסר, כתובות מז, א.
כד) בבא בתרא קי, ב.
כה) אבות פ"ב, משנה ד.
כו) שמות רבה פי"ב, ג.
כז) זהר ח"א נב, ב. אבל לא כל הזוהמא חס ושלום כבראשונה (ניצוצי אורות לזהר ח"ג יד, ב).
כח) זע בבא בתרא קי, ב.
כט) תהלים ק, ב.
ל) תורה אור תולדות כ, ב.
לא) פ"א ס"ד.

CREDITS:

Copyright by Sichos in English

Rabbi Eliyahu Touger
Rabbi Sholom Ber Wineberg
*Translators*

Rabbi Sholom Zirkind
Rabbi Zalmy Avtzon
*Content Editors*

Uriella Sagiv
*Copy Editors*

Yosef Yitzchok Turner
*Typesetting*

Spotlight Design
*Layout and Cover*

Mayer Preger
*Advisory Board*

Rabbi Shmuel Avtzon
*Director, Sichos In English*

הרה"ת ר' משה יהודה בן ר' צבי יוסף ע"ה
Rabbi Moshe Kotlarsky OBM,
*whose commitment has brought this sacred initiative to fruition*

sie